LIVING TORAH

# חג הסוכות

## משיחת י"ג תשרי ה'תשמ"א.

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער ענין פון "עוסק בסוכתו" איז, אַז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז ער דאַרף זיך משתדל זיין, אַז די סוכה זאָל זיין כתכלית ההידור,

וואָס די שענסטע סוכה איז בשעת מ'איז מקיים אָט דאָס וואָס די גמרא זאָגט, אַז "ראויין כל ישראל לישב בסוכה אחת": ער מאַכט אַזוי, ער איז זיך עוסק בסוכתו אין אַזאַ אופן, אַז **מצידו** טוט ער כל הענינים, אַז "כל ישראל" זאָלן זיצן אין זיין סוכה! מיט אַלע פירושים וואָס ס'איז דאָ אין דערויף,

אָנהויבנדיק, אַז וויבאַלד אַז ער טוט דאָס מיט אַ סבר פנים יפות, וואָס דעמאָלט גייט דאָס איין אָט דעם וועמען ער לאַדט-איין אין סוכה. אפילו ווען ער קומט צוגיין **צו** יענעם אין סוכה – ווערט דאָס אויך געטאָן אין אַזאַ אופן, אַז ער פועל'ט באַ יענעם אין זיין סוכה, אַז ס'זאָל זיין "כל ישראל ראויין לישב בסוכה אחת".

וואָס דאָס איז דאָך פאַרשטאַנדיק, אַז דאָס איז פונקט דער היפך פון פירוד הלבבות, מחלוקת על אחת כמה וכמה, ביז אין דעם אופן פון אהבת ישראל בתכלית השלימות, ווי געזאָגט פריער אַ "הקהל" – ס'ווערט איין קהל, וואָס דערפאַר איז אויך די סוכה וואו זיי זיצן ווערט אַ "סוכה אחת".

ועל דרך זה אויך "עוסק בלולבו", וואָס דאָס גייט דאָך אויף אַלע פיר מינים, וואָס אין די פיר מינים שטייט בהדגשה בגלוי די אַלע סוגים, די אַלע חלוקות, ווי זיי זיינען דאָ באַ אידן,

וואָס אף על פי וואָס בגשמיות נעמט מען דאָך ניט אַלע מינים און ניט פאָרשטייער – דוגמאות – פון אַלע מיני צומח וואָס ס'איז דאָ בעולם; מ'נעמט טאַקע פיר דוגמאות, פיר מינים, אָבער זיי שטעלן מיט זיך ניט פאָר כל המיני צומח וואָס ס'איז דאָ בעולם,

בהנוגע אַז מ'זאָגט וואָס איז דער נמשל און אויף וואָס איז דאָס מרמז – איז דאָס מרמז אויף **אַלע אידן, בלי יוצא מן הכלל!** ווי ער טייטשט אָפּ אין מדרש, אַז פון דעם איד השלם ביותר, וואָס "יש בו טעם ויש בו ריח", ביז אָט דער וואָס ער איז פשוט שבפשוטים, אַז "אין בו טעם ואין בו ריח", וואָס דאָס איז דאָך כולל אַלע ענינים, אַלע סוגים וואָס ס'איז שייך צווישן אידן; ניטאָ מער קיין אידן מחוץ לזה – ווערן זיי אַלע צוזאַמען איין מצוה, וואָרום מ'קען ניט מקיים זיין די מצוה סיידן ער האָט אַלע פיר צוזאַמען,

און ניט נאָר ער האָט אַלע פיר צוזאַמען, און איינער געפינט זיך אין איין ווינקל און אַ צווייטער געפינט זיך אין אַן אַנדער רשות – זיי דאַרפן זיין אַלע צוזאַמען אין זיינע ד' אמות, בידו, "ולקחתם לכם".

וואָס דאָ איז מודגש אין דער מצוה דער ענין פון **אחדות** כל ישראל, וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט אהבת ישראל **אמיתית**, וואָרום "אמת הוי' לעולם": דער אמת'ער אמת אין וועלט – איז דאָס ענינים וואָס זיי זיינען פאַרבונדן מיטן אויבערשטן, וואָס ער איז "אמת הוי'", וואָס דער אויבערשטער האָט זיך אַריינגעגעבן אין וועלט, כביכול, דורך זיין תורה און זיינע מצוות;



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.

# חג הסוכות

אַ מצוה וואָס דאָרט שטייט בהדגשה אחדות פון אידן ווי זיי געפינען זיך "גוי אחד בארץ", אין "ארץ", אין ארציות, זאָל דאָרטן זיין "אחד" – שטייט דאָס בהדגשה, איז דאָס אין דער מצוה פון דעם "עוסק בלולבו":

אָט דאָ, אַז ס׳גייט-דורך אַ ניט-איד און גיט אַ קוק, און זעט אַז מ׳נעמט פיר מינים, איז אויב ער ווייס וואָס די פיר מינים זיינען – ווייס ער, אַז דאָס איז "יש בו טעם ויש בו ריח", ביז דער פערטער אַז "אין בו טעם ואין בו ריח", און ער זעט, אַז בשעת דער איד איז מקיים די מצוה האָט ער אַלע פיר צוזאַמען,

וואָס דאָס איז, כאמור, ענינים וואָס דאָס זעט טף, ביז להבדיל אפילו אַן אינו-יהודי אויך,

און דאָס ברענגט בקרוב ממש צו דעם "מבצע" העיקרי, וואָס דאָס טוט דער אויבערשטער אַליין – "ושב הוי׳ אלקיך את שבותך", "והשיב" לא נאמר אלא "ושב" – אַז דער אויבערשטער גייט אַליין אַרויס פון גלות; ווי אַזוי קען ער אַליין אַרויס פון גלות? – ווען ער נעמט-מיט מיט זיך יעדער אידן און אַלע אידן,

און טוט דאָס "באור פני מלך חיים", בטוב הנראה והנגלה, וואָרום ס׳גייט דאָך דער אויבערשטער אַליין אַרויס פון גלות,

ובקרוב ממש, ובעגלא דידן, ולמטה מעשרה טפחים, ו"בנערינו ובזקננו בבנינו ובבנותינו", אין אַן אופן פון "קהל גדול יבואו הנה".



© 2002 Jewish Educational Media, Inc.